HONOUR SCHOOL OF MODERN LANGUAGES

JOINT HONOUR SCHOOLS WITH MODERN LANGUAGES

XII

OPTIONAL SUBJECT

# 45. MODERN YIDDISH LITERATURE WITH PRESCRIBED TEXTS

**Friday, 14 June 1985, 2.30-5.30**

---

*Candidates must answer THREE questions, one of which must be chosen from nos. 1-3. Do not make any one author the principal subject of more than ONE question.*

*Candidates must write the exact title and the number of their Optional Subject in the space provided for this purpose in the answer-book.*

1. Translate the following passage and provide detailed stylistic commentary on the author's language with emphasis on the literary function of each of the stylistic components. How are these functions relative to the time and place of writing?

אַז ס'האָט אַ בלאָז געגעבן אַ ווינטעל אין כתרילעווקע און
דער עולם האָט אָנגעהויבן געהן פֿאַרווערטס און פֿאָדערן מאָדער־
ניזם, אַלץ ווי אין דער גרויסער שטאָט, איז געבליבן, מע זאָל
גרינדן אַ חברה, מײַן איך אַ געזעלשאַפֿט, מיט'ן נאָמען „הזמיר",
דערפֿאַר ווײַל יעדע לייטישע שטאָט פֿאַרמאָגט אַ געזעלשאַפֿט,
וואָס טראָגט דעם דאָזיגן נאָמען. דאָס איז דעם עולם געפֿעלן.
איבערהויפּט — דער נאָמען „הזמיר". אַ שענער נאָמען, אַ שען
וואָרט, שטאַמט פֿון שיר־השירים. און מע האָט באַלד אויסגעאַרבייט
אַ פּלאַן, צונויפֿגעשטעלט איין „אוסטאַוו" מיט אַלע נויטיגע סטאַ־
טוטן, און ס'איז געבליבן מער ניט צונויפֿרופֿן אַ פֿאַרזאַמ־
לונג — און דאָס איז אין כתרילעווקע פֿון די קליינע זאַכן. מע
דרוקט אָפּ אין בײַדע גאַזעטן איין אויפֿרוף: „היינט אויף דער
נאַכט, אַכט אַ זייגער פֿרעציז, איז אַ פֿאַרזאַמלונג דאָרט און דאָרט,
איהר זענט געבעטן צו קומען" — קומט מען. און געקומען זענען
ניט נאָר די קאַרפּענקעס, ניט נאָר די אויבערשטע סמעטענע, נאָר
די גאַנצע כתרילעווקער אינטעליגענץ מיט די רעדאַקטוירן פֿון
בײַדע כתרילעווקער גאַזעטן בראָש.

TURN OVER

2. Translate the following passage and provide detailed stylistic commentary on the author's language with emphasis on the theatrical function of each of the stylistic components. What are the historical sources of each of these components?

חנן: (אָלץ נישט קומענדיק צו זיך) גמרא?!.. פוסקים?!.. אין האַנט נישט גענומען?!.. גמרא איז קאַלט און טרוקן... פוסקים זיינען קאַלט און טרוקן. (קומט מיט אַ מאָל צו זיך, לעבהאַפט) אונטער דער ערד איז דאָ אַקוראַט אַזאַ וועלט ווי אויף דער ערד. דאָרטן זיינען דאָ פעלדער און וועלדער, ימים און מדבריות, שטעט און דערפער. אויף די פעלדער און מדבריות טראָגן זיך דאָרט אום שטאַרקע שטורעמווינטן, און אויף די ימים שווימען גרויסע אַקרענטן און אין די געדיכטע וועלדער הערשט אַן אייביקער פחד, און עס דונערן דונערן... נאָר איין זאַך אין דאָרטן נישטאָ. נישט קיין הויכער הימל, פון וואַנען עס זאָלן זיך טראָגן פייערדיקע בליצן, פון וואַנען עס זאָל בלענדן די זון... אַזוי איז גמרא. זי איז טיף, זי איז גרויס און הערלעך. אָבער זי שמידט־צו צו דער ערד, זי לאָזט נישט פליען אין דער הייך. (מיט התלהבות) און קבלה?! און קבלה?! זי רייסט־אָפּ די נשמה פון דער ערד! זי הייבט־אויף דעם מענטשן צו די העכסטע היכלות. זי עפנט פאַר די אויגן אַלע הימלען, זי פירט גלייך צום פרדס, זי ציט זיך צום אין־סוף! זי אַנטפּלעקט אַ ברעג פון גרויסן פאָרהאַנג... (וואַרפט זיך אָפּ) נישטאָ קיין כוח... דאָס האַרץ חלשט...

3. Translate the following passage and provide a commentary on the author's narrative technique. How does it differ from that of the classicists?

איצט פאָרט ער קיין בילגאָריי, צום דאָרטיקן גביר ר' פאָלק חפץ, ביי וועמען דאָס גרויסע נייע הויז האָט אומגעריכט אָנגעהויבן פוילן. איף די דילן וואַקסן דאָרט משוגענע שוואָמען און אויף די ווענט שטייען גרויסע געלע פלעקן, ווי נגעים . . . ביי יועץ־בר־מצליח הענגט דער קאָפּ אַרונטער פון מאַטקייט. דאָס אָנצייניקע מויל איז פאַרהאַקט און ער שנאָרכט הויך און מיט אַ דינעם פייף. אין מזרח גליען די זוימען וואָלקנס; אויף די פעלדער אַרום קייקלען זיך געדיכטע כוואַליעס נעפּל, און ס'דוכט זיך צומאָל ווי מען וואָלט געפאָרן קעגן אַן אָפענעם ים . . . ביים בעל־עגלה הינטערן העמד הענגט אַן אָפּגעשפּראָכענע מטבע, וואָס ס'האָט אים מיטגעגעבן דער בילגאָרייער רב פאַר אַ שמירה. און ער האָט אַן אָנזאָג נישט אַרויסצורעדן מיט דעם פאַרשווין קיין איין וואָרט און נישט צו קוקן אויף אים. דער שאָפּענער קאָלנער פון זיין פעלצל איז אויפגעהויבן. ער וויל אַפילו נישט זיצן אויפן געזעס און ער קריכט די גאַנצע צייט צופוס. בלויז ווען דאָס פערדל נעמט מאַכן שטיק, שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס און הירזשען — רייסט זיך דער בעל־עגלה אויף, בטלט איס אַלע בייזע חלומות און פּאַכעט מיט דער בייטש.

— וויאָ, גניאָדאָ! — שרייט ער. — היידאָ! . . . נישט דיין עסק! . . .

4. Cite THREE salient features of twentieth-century New York Yiddish poetry, drawing on the work of AT LEAST FOUR poets in your reply.

5. What is the status of Jewish mysticism in modern Yiddish literature? Discuss its different function in the work of An-ski and Bashevis Singer, citing specific examples from each.

6. Discuss Sholem Aleykhem's perspectives concerning the secularizing trends amongst the Jewish population of Eastern Europe in the late nineteenth and early twentieth centuries. Cite his treatment of AT LEAST THREE instances of reinterpretation of traditional components of Ashkenazi Jewish life in terms of contemporary Western cultural models.

7. Discuss FOUR distinct fields in which Borokhov's *Ufgabn* helped lead to concrete changes in the status of Yiddish language, literature and scholarship. Be sure to cite the preexisting circumstances in each field.

8. Identify three distinct types of humour employed by Sholem Aleykhem in his *Kasrílevker progrés*. Cite examples to illustrate each, and discuss the sociological context of each.

9. Discuss the individual contributions of each of the three classicists to the literary and sociolinguistic evolution of Yiddish in the late nineteenth and early twentieth centuries, citing specific examples.

10. Cite concrete evidence for folkloristic, maskilic, kabbalistic and theatrical motifs in An-ski's *Díbek*.